STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02012

# OYSLEYG-TAKONES FUN YIDISH

Yivo Institute for Jewish Research

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

„אָרגאַניזאַציע פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿט“ נומ׳ 14 (1)

# אויסלייג־תּקנות פֿון ייִדיש

ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט
ווילנע / 1935

ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט
סעריע „אָרגאַניזאַציע פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿט", נומ׳ 14

# אויסלייג־תּקנות פֿון ייִדיש

ווילנע / 1935

[illegible] ווענדן זיך צום ייִוואָ:
**Żydowski Instytut Naukowy**
**Wiwulskiego 18, Wilno**

*Ojslejg-takones fun jidiš*
**Przepisy Ortografji Żydowskiej**
Żydowski Instytut Naukowy. Serja
„Organizacja Nauki Żydowskiej“, Nr. 14
**Yiddish Spelling Rules**
Yiddish Scientific Institute.
Organization of Jewish Science Series, 14
DRUK. D. KREJNESA, RUDNICKA 2, WILNO
דרוק ד. קריינעס, רודניצקער 2, ווילנע
PRINTED IN POLAND

# I. דער סדר פֿון אַלף=בית

1. דער סדר פֿון די אותיות אין אַלף־בית איז אַזאַ: א, ב, בֿ, ג, ד, ה, ו, ז, ח, ט, י, כּ, כ (ך), ל, מ (ם), נ (ן), ס, ע, פּ, פֿ (ף), צ (ץ), ק, ר, ש (שׂ), תּ, ת.

אַ, אָ, וּ, וו, וי, יִ, יי, ײַ רעכענען זיך ניט פֿאַר קיין באַזונדערע אותיות אין אַלף־בית.

# II. גראַפֿיק

## אַלף

2. מיר שיידן אונטער דרײַ מינים אַלף: א, אַ, אָ. די אותיות הייסן: אַלף, פּתח אַלף, קמץ אַלף.

אומבאַהאָלפֿן, אומשטאַנדוואָרט, אַרמאַגאָ.

3. אין שרײַבן קאָן מען צונויפֿגיסן די נקודה מיטן אַלף.

4. אין אַזוינע פֿאַלן, ווי נאָכן „שטומען" א גייט די קאָמבינאַציע ײַ, דאַרף דער פּתח שטיין אונטער די צוויי יודן, ניט אונטערן אַלף.

אײַזן, אײַנהילן, באַנדאײַזן.

ניט: אַייזן, אַיינהילן אאַז"וו.

## בית און בֿית

5. בית (b) ווערט געשריבן און געדרוקט אָן אַ פּינטל.

באַראַבעווען, בוכבינדער, בלײַבן.

6. בֿית (v) ווערט באַצייכנט דורך אַ פּאַסיקל איבערן אות.

אַגבֿ, הבֿל־הבֿלים, חבֿר.

## וואָוו

7. מיר שיידן אונטער דרײַ מינים וואָוו: ו, וּ, וֹ. די אותיות הייסן: וואָוו, מלופּם וואָוו, חולם וואָוו.

8. דער u־קלאַנג (אין די ניטליטווישע דיאַלעקטן דאָס רובֿ i) ווערט בדרך כּלל באַצייכנט מיט וואָוו.

בוך, בלוט.

ניט: בוּך, בלוּט.

9. מלופּם וואָוו קומט צו באַצייכענען דעם u־קלאַנג:

א) פֿאַר אַ צווייטן u (ו).

דוּמוויראַט, טוּונג.

ב) פֿאַר אַ j (י).

בורזשוּי, אַקאַטוּי.

ג) פֿאַר אָדער נאָך v (וו).

ווּ, פּרוּוו, פּרווּונג.

אויב מען ניצט אין שרייבן די צונויפגעגאָסענע צוויי וואָוון, דאַרף מען שרייבן מלופם וואָוו נאָר פאַר אַ j ; אין אַלע אַנדערע פאַלן איז דאָס איבעריק.





פאַרגלייך :



10. חולם וואָוו קומט אין דער פאַרבינדונג voj (וו + וי).

וווּיל, וווּינען.

אויב מען ניצט אין שרייבן די צונויפגעגאָסענע וואָוון, דאַרף מען דעם חולם ניט שטעלן.



יוד

11. מיר שיידן אונטער צוויי מינים יוד : י און ִי. די אותיות הייסן : יוד, חיריק יוד.

12. דער j-קלאַנג ווערט קיין מאָל ניט באַצייכנט מיט חיריק יוד.

יאָר, יוגנט, יענער, מאַיאָר, ראַיעל.

13. דער i-קלאַנג ווערט בדרך כלל באַצייכנט מיט י.

דווינע, ליבע, צירונג.

ניט : דוִוינע, ליִבע, ציִרונג.

14. חיריק יוד קומט אויף צו באַצייכענען דעם i-קלאַנג :

א) אין די פאַרבינדונגען ji אָדער ij.

ייִד (אויך ייִדיש, ייִדישקייט אאַז״וו), ייִוואָ, ייִלדיז-קיִאָסק, ייִנגל, ייִשאָ ; אָפּייִדישן, פאַרייִדישן, פאַרייִנגערונג ; מיִיאַסק (אַ שטאָט אין ראַטן-פאַרבאַנד).

ב) נאָך אַ וואָקאַל אָדער אַ דיפֿטאָנג.

אוקראַיִניש, עגאָיִסט, רויִק, בלויִנקער, פּאַרטייִיש, מאָלייִש, אייראָפּעיִש.

ג) פֿאַר אַ וואָקאַל, אויב דער טראָפּ מיטן i-קלאַנג איז אַקצענטירט.

טריִאָ, דריִאָ, באַציִונג, פּיִוס, קריִע, קיִעוו, בליִען, טליִען, פֿריִער.

15. אויב עס באַגעגענען זיך צוויי i-קלאַנגען, קומט ביידע מאָל חיריק יוד.

אַליִירן, דיִי („געטער" אויף לאַטייַן), וואַריִירן, פֿריִיִק.

## צוויי יודן

16. סײַ אין שרײַבן, סײַ אין דרוקן דאַרף מען דיפֿערענצירן צווישן יי (אין ליטוויש-אוקראַיִנישן ייִדיש ej, אין פּוילישן ייִדיש aj) און ײַ (אין ליטוויש-אוקראַיִנישן ייִדיש aj, אין פּוילישן ייִדיש ā). די אותיות הייסן: צוויי יודן, פּתח צוויי יודן.

ווײנען, זייען, מיינען, נייען.

ווײַנען, זײַען, מײַנען, נײַען (9).

באַמערק: אומגעהײַער, לאַטײַן.

## כּף און כָף

17. כף (ch, x) איז כ, אָן אַ פּינטל; כּף (k) ווערט געשריבן און געדרוקט מיט אַ פּינטל.

כּדרכּו, כּל-ולד, כּלערליי; מכבד זײַן, מכפּר זײַן, רעכט, שלעכט.

## פּיי און פֿיי

18. פּיי און פֿיי מוזן שטרענג אונטערגעשיידט ווערן: פּיי (p) קומט מיט אַ פּינטל, פֿיי (f) מיט אַ פּאַסיקל איבערן אות.

פּראַכט, פֿראַכט; פּאָרן, פֿאָרן.

## שין און סין

19. דער באַזונדערער צייכן פֿאַר סין (שׂ) ווערט גענוצט נאָר אין קינדער-ביכער און אין אויסגאַבעס פֿאַר שוואַך עבֿרידיקע. בדרך כּלל ווערט ניט אונטערגעשיידט צווישן שין און סין.

## תָּוו און תָוו

20. תָוו (s) איז ת, אָן אַ פּינטל; תּוו (t) ווערט געשריבן און געדרוקט מיט אַ פּינטל.

סתירה, תּורה, תּכלית, תּענוג.

אחריות, טעות, סותר זײַן, סתּירות.

## געווייִנטלעכע אותיות און שלאָס-אותיות

21. פֿאַר אַן אַפּאָסטראָף (זע תּקנות 44—45) שטייט אַ געווייִנטלעכער אות.

איכ'ל, נומ' 1.

22. פֿאַר אַ מקף (פֿאַרבינדער, דעפֿיס) קומט אַ שלאָס־אות.

בוך־אויסשטעלונג, יום־טובֿ, המן־טאַש.

דאָס איז פֿאַרשטייט זיך ניט שייך צו יענע פֿאַלן, ווו אַ וואָרט ווערט געשפּאָלטן צוליב אַריבערטראָגן עס פֿון איין שורה אויף דער צווייטער: אומ־ גליק, טראַ־ פֿנ־ וויַיז, מכ־ בד (זיַין), קאָכ־ לעּ־ פֿל.

## נקודות

23. אויב מען שטעלט, אין די אינטערעסן פֿון דעם ניטגעניטן לייענער, נקודות אונטער די העברעיִזמען, קומען זיי לויט דער ייִדישער אויסשפּראַך. קיין שווא דאַרף ניט באַצייכנט ווערן.

זכות־אָבֿות, חרפּה, עת־צָרה, פּרנסה, ראָש־המדבּרים, שער־בלאַט.

24. בכדי צו פֿאַרגרינגערן דעם זאַץ, קאָן מען זיך באַנוגענען מיט שטעלן די נקודות נאָר בייַ די באַטאָנטע טראַפֿן.

זכות־אָבֿות, חרפּה, עת־צָרה, פּרנסה, ראָש־המדבּרים, שער־בלאַט.

## ראָשי־תּיבֿות און קירצונגען

25. ראָשי־תּיבֿות ווערן געשריבן און געדרוקט פֿאַרשטריכלט. די שטריכעלעך קומען פֿאַרן לעצטן באַשטאַנדטייל; דערבייַ ווערט אַ פּרעפֿיקס אויך באַהאַנדלט ווי אַ באַזונדער וואָרט.

בייַשפּילן: אאַז״וו=און אַזוי ווייַטער; א״אַ, א״אַנד=און אַנדערע; אד״גל= און דאָס גלייַכן; א״וו=און ווייַטערדיקע; א״י=ארץ־ישראל; אַ״י=אַלט־ ייִדיש; ב״א = בוענאָס־אײַרעס; דצ״וו = דאָס צוטירטע ווערק; ח״ח= חשובֿע(ר) חבֿר(ים); י״ה=יאָרהונדערט; מוכ״ז=מוסר כּתבֿ זה; נה״ד= נייַהויכדייַטש; נ״י=ניו־יאָרק; נ״ק=נאָך קריסטוסן; ע״ש=עיקר שכחתי; פּ״ס=פּאָסטסקריפּט; פֿ״גל=פֿאַרגלייַך; פֿסס״ר=פֿאַרבאַנד סאָציאַליסטישע סאָוועטישע רעפּובליקן; פֿ״ק = פֿאַר קריסטוסן; פּוע״צ = פּועלי־ציון; צ״ס = ציוניסטן־סאָציאַליסטן; צ״ק = צענטראַלער קאָמיטעט; ק״ק = קהילה קדושה, קראַנקן־קאַסע; שנ״פֿ=שיר ניט פֿאַרגעסן.

באַמערק: ד״ר=דאָקטאָר, מג״ר=מאַגיסטער, מ״ר=מיסטער, מ״רס=מיסעס.

ניט שרייַבן: א. א. וו., א. אַז. וו., א. אַנד., דר., צ. ק. און דאָס גלייַכן.

26. אויב דער זאַץ לאָזט זיך אויס מיט אַ ראָשי־תּיבֿות, ענדיקט מען אים ווי דער שטייגער איז מיט אַ פּונקט.

ער האָט געלייענט פּרצן, שלום־עליכמען אאַז״וו.

**27. אויב די ראָשי־תּיבֿות האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין פֿעסטע ווערטער, מעג מען זיי אויסלייגן אָן שטריכעלעך.**

פ ע ר ז אָ נ ע ן: בעשט, מהרשאָ, רמאָ, רשי.

א י נ ס ט י ט ו צ י ע ס: ביתּר, הבֿאַס, וואַאַן, יבֿוואָ, יבֿטאַ, יבֿקאַ, ניראַ, צירשאָ, צעקאַ.

צ אָ ל ן: דרײַ מאָל חי, רמח אבֿרים, תּרפּט אַלפֿים, תּרצו.

ס פֿ ר י ם: שס, תּנך.

**28. אויב צום סוף פֿון די ראָשי־תּיבֿות וואָס ווערן אַרויסגערעדט ווי אַ באַזונדער וואָרט קומען כ מ נ פֿ צ, שטעלט מען די שלאָספֿאָרם.**

סקיף, פּען (פּענקלוב). אָבער: פּרע״צ = פּועלי־ציון, צ״פֿ = צענטראַל־פֿאַרבאַנד; ר״פֿ = ראַטן־פֿאַרבאַנד.

**29. בײַ קירצונגען ווערט גענוצט דער אַפּאָסטראָף.**

קאַפּ׳ א, נומ׳ 6, ייִד׳ שרײַבער, ב׳ I; פֿאַר פֿאַמיליע־נעמען: ה׳=הער, ח׳=חבֿר, פֿ׳=פֿרײַנד, פֿר׳=פֿרוי, פֿרל׳=פֿרײַלין.

נ י ט שרײַבן: קאַפּ. א, נומ. 6, ייִד. שרײַבער, ה. ליפּשיץ אאַז״וו.

באַמערק: בב׳= בענד, זז׳= זײַטלעך; חח׳= חבֿרים, להיפּוך צו (זע תּקנה 25): ח״ח = חשובֿע חבֿרים.

**30. ערשטע אותיות פֿון נעמען ווערן אָבער אָפּגעטיילט דורך פּונקטן.**

מ. ראָזענפֿעלד. — ה. ד. נאָמבערג.— ה׳ א. האָט געזאָגט.

ה. לעווין = חיים לעווין, ח׳ לעווין = חבֿר לעווין; ה. ליפּשיץ = הירש ליפּשיץ, ה׳ ליפּשיץ = הער ליפּשיץ.

וועגן ד״ר, מג״ר, מ״ר, מר״ס זע תּקנה 25.

**31. אויב אַ קירצונג ווערט אָפּט גענוצט אין פֿאַרבינדונג מיט אַ צווייטן וואָרט, ווערט דאָס אויסגעלייגט ווי איין וואָרט, אָן שום אָפּשייד־סימן.**

געזערד, ייִדטועך, היסטסעקציע, נאַצמינד, עקסטאַטסעקציע, פֿאָלקאָמבילד, צענטפֿאַרוואַלטונג, קאָמבלעטלעך.

וועגן דעם באַנוץ פֿון אַפּאָסטראָף אין אַנדערע פֿאַלן זע תּקנה 44 א״וו.

## גרונט־ און סדר־צאָלן

**32. נאָך גרונטצאָלן אין מיטן זאַץ קומט ניט קיין שום סימן.**

ער האָט 3 ביכער. ברייטע גאַס 12 דר׳ 16. דאָס שטייט אויף ז׳ XIX פֿון אַרײַנפֿיר. אין זײַנע ד אַמות. אין קאַפּ׳ ג שטייט.

**33. אין סדר־צאָלן שרײַבט מען די ענדונג, צושטעלנדיק זי גלײַך צום ציפֿער, אָן אַ מקף (פֿאַרבינדער) אין מיטן.**

אין 3טן קלאַס. אין 20סטן נומער.

ניט: אין 3 קלאַס. אין 3. קלאַס. אין 3-טן קלאַס.

34. רוימישע ציפֿער באַצייכענען דאָס רובֿ סדר־צאָלן. נאָך זיי שטעלט מען ניט קיין פּונקט. ביַים באַצייכענען נעמען פֿון הערשער שריַיבט מען ניט דעם אַרטיקל.

אין III קלאַס. אין XVI י״ה. קאַרל XII (= דער צוועלפֿטער) האָט געפֿירט מילחמה מיט רוסלאַנד.

## מאָסן, מינים געלט

35. אָן שטריכעלעך און אָן אַפּאָסטראָף ווערן אויסגעלייגט די וויַיטערדיקע באַצייכענונגען פֿון מאָסן און מטבעות, וואָס זיַינען טיילוויַיז ראָשי־תּיבֿות, טיילוויַיז קירצונגען (טערמינען מיט ניט מער ווי דריַי אותיות ווערן ניט געקירצט).

מאָסן:

ממ = מילימעטער, צמ = צענטימעטער, דמ = דעצימעטער, מ = מעטער, קמ = קילאָמעטער.

מג = מיליגראַם, צג = צענטיגראַם, דג = דעציגראַם, ג = גראַם, דקג = דעקאַגראַם, הג = העקטאָגראַם, קג = קילאָגראַם.

מל = מיליליטער, צל = צענטיליטער, דל = דעציליטער, ל = ליטער, הל = העקטאָליטער.

הא = העקטאַר.

הפּ = פֿערדנקראַפֿט (ענגליש horse-power).

מינים געלט:

אַרגענטינע: פּע = פּעזאָ, ס = סענט (סענטאַוואָס).
ארץ־ישראל: פֿ = פֿונט, מיל.
בעלגיע: בעל = בעלגאַ, פֿר = פֿראַנק, סאַנט = סאַנטים.
בראַזיל: $, מילר = מילדרייס, ר = רייס.
דיַיטשלאַנד: רמ = ריַיכסמאַרק, רפּ = ריַיכספּעניג (אויך: מק = מאַרק, פּ = פּעניג).
האָלאַנד: פֿל = פֿלאָרין (גולדן), צ = צענט.
טשעכאָסלאָוואַקיַי: ק = קראָן, ה = העלער.
ליטע: ליט, צ = צענט.
לעטלאַנד: לאַט, סאַנט = סאַנטים.
מעקסיקע: פּע = פּעזאָ, ס = סענט (סענטאַוואָס).
ענגלאַנד: £, פֿ = פֿונט, שיל = שילינג, פּ = פּעני (פּענס).
עסטלאַנד: ק = קראָן, ס = סענט.
עסטריַיך: שיל = שילינג, גר = גראָשן.
פּוילן: גל = גילדן, גר = גראָשן.
פֿאַראייניקטע שטאַטן: $, ד = דאָלאַר, ס = סענט.
פֿראַנקריַיך: פֿר = פֿראַנק, סאַנט = סאַנטים.
קאַנאַדע: זע פֿאַר׳ שטאַטן.
ראַטן־פֿאַרבאַנד: רוב = רובל, קאָפּ = קאָפּיקע.
רומעניע: ליי, באַ = באַני.
שווייץ: פֿר = פֿראַנק, סאַנט = סאַנטים.

אויב אָבער מען וויל ספּעציעל באַצייכענען ארץ־ישראלדיקער פֿונט, עסטרײַכישער שילינג, שווייצער פֿראַנק אאַז״וו, קומען די ראָשי־תּיבֿות פֿאַרשטריכלט:

ד״קאַנ=קאַנאַדער דאָלאַר, ד״פֿש=דאָלאַר פֿון די פֿאַר׳ שטאַטן.
פֿא״י=ארץ־ישראלדיקער פֿונט, פֿ״עג=עגיפּטישער פֿונט, פֿ״ענג=ענגלישער פֿונט.
פֿר״ב=בעלגישער פֿראַנק, פֿר״פֿ=פֿראַנצייזישער פֿראַנק, פֿר״ש=שווייצער פֿראַנק.
ק״טש=טשעכישע קראָן, ק״ע=עסטישע קראָן, ק״שוו=שוועדישע קראָן.
שיל״ענג=ענגלישער שילינג, שיל״עסט=עסטרײַכישער שילינג.

## סדר פֿון שרײַבן

36. אויב מען גיט צו בײַ באַנאָמענטע צאָלן דעם געקירצטן נאָמען מיט ייִדישע אותיות, גילט דער ייִדישער סדר שרײַבן.

96 צמ׳ 6 מ׳ = 8 צמ׳ 3 מ׳ — 4 צמ׳ 10 מ׳
5 קמ׳ = 2 : 10 קמ׳
65 גר׳ 15 גל׳ = 40 גר׳ 5 גל׳ + 25 גר׳ 10 גל׳

אַנדערש אין אַ לויפֿיקן טעקסט.

דער שנור האָלט 6,25 מ׳. דער שנור האַלט 6 מ׳ 25 צמ׳. איך האָב אויסגעגעבן 3.75 גל׳. איך האָב אויסגעגעבן 3 גל׳ 75 גר׳.

37. אויב דער מדרגה־ווײַזער ווערט צוגעשטעלט צו דער ייִדישער קירצונג, קומט ער אין ייִדישן סדר, אויף דער לינקער זײַט.

מ׳$^2$=קוואַדראַט־מעטער, דמ׳$^3$=קוביק־דעצימעטער.

38. בײַ סימנים ווי №, § און ענלעכע גילט דער סדר פֿון ייִדיש.

דאָס איז געשטאַנען אין № 3, אין § 6. איך צאָל דיר 50 %. דער דאָקטאָר נעמט צו 9 — 11 פֿרי און 5 — 7 נאָך מיטאָג.

39. בײַ יאָרצאָלן גילט אויך דער ייִדישער סדר. אויב עס זײַנען געמיינט עטלעכע יאָר, ווערט געשטעלט אַ האָריזאָנטאַל פּאַסיקל (—), אויב איין יאָר, איז אַן אָנגעבויגן פּאַסיקל (/). דאָס אייגענע, אויב איינע פֿון די יאָרצאָלן ווערט געגעבן געקירצטערהייט.

אין די יאָרן 1930—1935. אין די יאָרן 1934—1935. אין די יאָרן תּרצה—תּרצו. אָבער: אין משך פֿון לערניאָר, פֿון בודזשעטיאָר 1934/1935, תּרצה/תּרצו.
אין די יאָרן 1934—35; אָבער אין לערניאָר 1934/35, אין יאָר תּרצה/צו.
ניט: אין לערניאָר 1934/35, 1934—35, 1934—35.

## דאַטע

40. בײַם שרײַבן די דאַטע געקירצטערהייט גילט דער סדר: טאָג, חודש, יאָר. כּדי אויסצומײַדן טעותן, באַצייכנט מען דעם חודש מיט רוימישע ציפֿער.

ווילנע, דעם 3טן נאָוועמבער 1934. עס בירגערט זיך אויך איין די שרייבונג, איבערהויפּט אין בריוו: ווילנע, נאָוועמבער 3, 1934.
אָבער געקירצטערהייט בלויז: 34/XI/3.

## גראַדן

41. די סימנים פֿאַר גראַדן, מינוטן, סעקונדעס ווערן געשטעלט פֿון דער רעכטער זייט.

$15^0$. $15^0$—. דערפֿאָרן ביז 45″26′$15^0$.

## קלאַמערן

42. אויף צו באַצייכענען אַ דערקלערונג דינען קיילעכדיקע קלאַמערן (אָדער, ווי מען רופֿט זיי אַנדערש, „האַלבע לבֿנות").

ער ניצט זייער פֿיל דעמינוטיוון (פֿאַרקלענער־ווערטער).

43. אויף צו באַצייכענען דעם צוגאָב פֿון אַ ציטירער אין אַ פֿרעמדן טעקסט ווערן געניצט קאַנטיקע קלאַמערן [ ].

„מיר קענען ניט [! — רעד'] איינשטימען, אַז..."

ווען מיר נעמען דעם זאַץ „ער ניצט זייער פֿיל דעמינוטיוון (פֿאַר־קלענער־ווערטער)" פֿון אַן אַנדער מחבר און מיר ווילן אָנווייזן, אַז דער ע ר איז דאָס מענדעלע, וועלן מיר שרייבן:

דער קריטיקער זאָגט: „ער [מענדעלע] ניצט זייער פֿיל דעמינוטיוון (פֿאַרקלענער־ווערטער)".

דאָס אייגענע וועלן מיר שטעלן קאַנטיקע קלאַמערן, אויב די דער־קלערונג אויפֿן וואָרט דעמינוטיוון איז ניטאָ אין אָריגינאַל, נאָר מ י ר גיבן זי צו:

דער קריטיקער זאָגט: „ער ניצט זייער פֿיל דעמינוטיוון [פֿאַרקלענער־ווערטער]".

## אַפּאָסטראָף

44. דער אַפּאָסטראָף קומט:

א) ביי קירצונגען (זע תּקנות 29—31).

ב) ביים צונויפֿגוס פֿון אַ געקירצטן פּראָנאָמען מיט אַ ווערב אָדער פֿון אַ פּראָנאָמען מיט אַ געקירצטן ווערב.

מ'איז, ס'רעגנט, ס'וואַקסט. — איכ'ל, דו'סט, ער'ט, מיר'ן, איר'ט נעמען; סטר'גיין, ט'ער גיין, ט'מען גיין, ט'איר גיין.

ג) אויף צו באַצייכענען דאָס פֿעלן פֿון ס אין געניטיוו פֿון סוב־סטאַנטיוון וואָס ענדיקן זיך אויף ס.

אייזיק־הירש ווייס' ווערק, מאַרקס' „קאַפּיטאַל".

ד) אויף אָפּצוטיילן דעם סופֿיקס ־ן אָדער ־ען אין דאַטיוו־אַקוזאַטיוו פֿון ווינציק באַוווּסטע פּרט־נעמען.

ער האָט געשריבן צו מענקען'ען. אַ ליד וועגן קאַטאַלאַני'ן.

45. קיין אַפּאָסטראָף קומט ניט (זע אויך די תּקנות 30—31):

א) צווישן שורש און פּרעפיקס אָדער ענדונג.

ביילעך, דער באָבען, צעזאַרן, שלמהן; מסרן, פֿאַרמסרן, אָפּפּטרן, געפּטרט.

ב) ביַים צונויפגוס פֿון אַ פּרעפּאָזיציע מיט אַ געקירצטן אַרטיקל.

אויפֿן, אונטערן, מיטן, צוליבן, צום.

ג) אין די ווערטער: אַזאַן, אַן, כלעבן, סאַראַ, סטיַיטש. אויך אין ווערטער ווי: אויכעט, אָפּעט אאַז"וו.

## איבערטראָגן אויף אַ ניַיער שורה

46. מיט איבערטראָגן אויף אַ ניַיער שורה דאַרף מען זיַין שפּאָרעוודיק. אויב מען טראָגט איבער, איז טראַפּנוויַיז; אָבער ביַי פּרעפיקס, רעכענען זיך מיטן עטימאָלאָגישן פּרינציפּ. ניט אָפּטיילן טראַפּן וואָס באַשטייען פֿון איינציקע אותיות.

בי—כער. מענ—טשן. בי—כל. אַרי—בער. טראַ—פּנ—וויַיז. מיל—חמה, מילח—מה. איַינ—אָטע—מען. קאָפּ—עקל.

ניט: איַ—נאָ—טע—מען. קאָ—פּע—קל.

## פּרעמדשפּראַכיקער טעקסט

47. ביַים איַינגעבן פּרעמדשפּראַכיקע אותיות אין אַ יִידישן טעקסט דאַרפֿן די פּרעמדשפּראַכיקע עלעמענטן ווי וויַיט מיגלעך באַהאַנדלט ווערן אויפֿן יִידישן שטייגער.

48. גענדונפּיסלעך ווערן געשטעלט צום אָנהייב אונטן, צום סוף אויבן.

איך האָב דאָס געלייענט אין „Mitteilungen“.

49. ביַים איבערטראָגן פֿון איין שורה אויף דער צווייטער דאַרף מען ענדיקן די פּרעמדשפּראַכיקע ווערטער אויף דער רעכטער זיַיט.

ענדלעך האָב איך געפֿונען די ערשטע אויסגאַבע פֿון היינעס Buch der Lieder. איך בין זייער צופֿרידן.

50. אויב מיר שטעלן גענדונפּיסלעך ביַי ווערטער וואָס גייען איבער אויף אַ צווייטער שורה, מוזן זיי שטיין צום אָנהייב אונטן, צום סוף אויבן.

אין זיַין ווערק: „Die Geschichtslitera-tur der Juden“ שריַיבט שטיינשניַידער...

51. אויב עס קומט אויס איבערצוטראָגן אויף אַ צווייטער שורה פּרעמד-שפּראַכיקע ווערטער וואָס שטייען אין האַלבע לבֿנות, דאַרפֿן די דאָזיקע צייכנס געשטעלט ווערן גליַיך ס'וואָלט געווען אַ יִידישער מאמר-המוסגר.

שטיינשניַידער שריַיבט וועגן מעשׂה-בוך („Sera-peum“ 1866, העפֿט 2), אַז...

52. אין אַלע ביַישפּילן פֿון די תּקנות 48, 50, 51 קען מען די גענדונג-פּיסלעך דורכלאָזן, מחמת די פּרעמדשפּראַכיקע אותיות טיילן זיך שוין אויס גענוג.

53. אויב אַ הערה אונטערן טעקסט באַשטייט דורכויס פֿון פֿרעמדשפּראַ־כיקע אותיות, דאַרף דאָס ציפֿערל אָדער שטערנדל געשטעלט ווערן לינקס:

[2] Jüdisch-Deutsche Literatur, Serapeum 1848—49.

54. אין אַזאַ הערה דאַרף מען אויסמײַדן ייִדישע ווערטער. זײַט איז p. (אין אַ רוסישן טעקסט стр.); אָנשטאָט א אַ ז"ו — etc., אָנשטאָט אין שטעלן דאָס לאַטײַנישע in, אָנשטאָט א"ו — sq., אָנשטאָט דצ"ו — ibid.

55. אויב עס זײַנען נייטיק אין דער הערה ייִדישע טיילן אויך, איז בעסער אָנצוהייבן די הערה מיט אַ ייִדישן וואָרט; יעמאָלט קומט דאָס ציפֿערל רעכטס, און די פֿרעמדשפּראַכיקע ווערטער ווערן באַהאַנדלט ווי אַ ציטאַט. אויב אָבער דער אָנהייב פֿון דער הערה איז אַ פֿרעמדשפּראַכיקער און דער ווײַטער־דיקער טעקסט איז אַ ייִדישער, דאַרף מען אָנהייבן דעם ייִדישן טייל הערה פֿון אַ נײַער שורה.

## III. וואָקאַלן און דיפֿטאָנגען

56. **אַלף וואָרט אײַן פֿאַר ו, וי, י, יי, ײַ.**

אומעטיק, אוירון, אינדזל, איי, אײַזן.

57. **דער א בלײַבט, ווען עס קומען צו פּרעפֿיקסן.**

געאוריקעט, געאיבלט, געאײַלט, פֿאַראומערט, אויסאיידלען, פֿאַראײַן.

58. **דער א בלײַבט אין צונויפֿהעפֿטן (אַחוץ מיט פּרעפּאָזיציעס אין צווייטן באַשטאַנדטייל, זע תּקנה 59; וועגן דעם טערמין צונויפֿהעפֿט זע תּקנה 133).**

אַלאָרקראַיניש, באַנדאײַזן, באַקאוירון, הינעראיי.

59. **ווען דער צווייטער באַשטאַנדטייל פֿון צונויפֿהעפֿט איז אַ פּרעפּאָזיציע וואָס הייבט זיך אָן מיט אַן א, ווערט אין צונויפֿהעפֿט קיין א ניט געשריבן.**

דערונטער, דערויף, דעריבער, דערײַן, דערין, פֿאָרויס, דורכויס.

60. **פֿאַר נג, נק קומט אַ (ניט ײַ), סײַדן דער נ און דער ג אָדער ק האָבן זיך באַגעגנט אין אַ צונויפֿהעפֿט.**

לאַנג, שטאַנג; באַנק, קראַנק; געהאַנגען, געפֿאַנגען; דאַנקען, צאַנקען;
געדאַנקט, געצאַנקט.
אָבער: ווײַנגאָרטן, ווײַנקעלער.

61. **פֿאַר נג, נק ווערט געשריבן ע (ניט יי), סײַדן דער נ און דער ג אָדער ק האָבן זיך באַגעגנט אין אַ צונויפֿהעפֿט.**

לענגער, ענג; בענקען, שווענקען.
אָבער: קליינגעלט, קליינקונסט.

62. ע אין די ווײַטערדיקע ווערטער: אימעץ, אימעצער; אַרבעס; אַרבעט, אַרבעטן אאַז״וו; באָרוועס; גענעצן; געדערעם; גרענעץ; וואָרעם (איןביידע טײַטשן); טאַקע; כעלעם; עמעץ, עמעצער; עפּעס; ערגעץ; פּענעץ; פֿורעם; קירבעס; שטורעם.

ניט: אַרביס, גרעניץ, וואָרים, כעלם, עפּיס אאַז״וו.

63. וואָקאַלן־בײַט וי—יי בײַ סובסטאַנטיוון אין פּלוראַל אָן ענדונג און מיט דער ענדונג ־ער.

דער פֿויגל — די פֿייגל. דער בוים — דיביימער.

64. וואָקאַלן־בײַט וי—יי בײַ סובסטאַנטיוון אין פֿאַרקלענער־פֿאָרמען.

פֿויגל—פֿייגעלע, פֿייגעלעך; אויג—אייגל, אייגלעך—אייגעלע, אייגעלעך; בוים—ביימל, ביימלעך—ביימעלע, ביימעלעך.

65. וואָקאַלן־בײַט בײַ ווערבן אין פּרעזענס־ און פּאַרטיציפּ־שורש.

א) י — ו: בינדן — געבונדן, געווינען — געוווּנען, געפֿינען — געפֿונען, דינגען — געדונגען, הינקען — געהונקען, זינגען — געזונגען, טרינקען — געטרונקען, קלינגען — געקלונגען אאַז״וו.

ב) יי—וי: ביינגן — געבויגן, הייבן — געהויבן.

## דאָס אייגענע מיט פּרעפֿיקסן.

אָנהייבן — אָנגעהויבן, פֿאַרבינדן — פֿאַרבונדן.

## ממילא יי אין סובסטאַנטיוון וואָס ווערן געפֿורעמט פֿון פּרעזענס־שורש.

דער אָנהייב, דער בייג.

66. וואָקאַלן־בײַט וי—יי בײַ קרובֿישע ווערטער פֿון פֿאַרשיידענע וואָרטקלאַסן.

אויבן—אייבער (אין קאָרטן); דער אייבערשטער.

דער בלויז (אויך: דער בלייז) — אויסבלייזן, אַנטבלייזן.

דער גלויבן—גלייבן, געגלייבט, אײַנגלייבעניש, גלייבונג.

גרויס—די גרייס (די גרויסע שטוב, די שטוב איז גרויס, די גרויסקייט; אָבער: די גרייס פֿון דער שטוב).

הויך—די הייך (דער הויכער באַרג, דער באַרג איז הויך; אָבער: די הייך פֿון דעם באַרג).

טויט—טייטן.

די נויט—נייטיק; נייטן, גענייט; (גע)נייטיקן זיך, גענייטיקט.

דער פֿראַנצויז, די פֿראַנצויזן—פֿראַנצייזיש.

רויט—רייטלען זיך, גערייטלט.

דער רויך—רייכערן, גערייכערט.

# IV. קאָנסאָנאַנטן

67. דז (ניט ז) נאָך ל און נ.

האַלדז, פֿעלדז; אונדז, אינדזל, גערוויאַנדזלט, לינדז.

68. ה ווערט ניט געשריבן אין די ווערטער: צען; זען, געזען; געשען.

69. וו (ניט ף) אין די ווײַטערדיקע ווערטער: בריוו; האַוון (פּאָרט); ווערסיפֿיקאַציע (אָבער: דער פֿערז); טײַוול; ליווערן (צושטעלן), ליוועראַנט; נערוו; פּרוּוו, פּרוּוון; שטיוול.

70. ט (ניט ד) אין די ווײַטערדיקע ווערטער: אָוונט, געגנט, יוגנט.

טאָפּעלע שרײַבונג: געזינד, געזינט („אַ געזינד זאַלבע אַכט"; „ווי דאָס הינטל, אַזוי דאָס גאַנצע געזינטל").

71. ס (ניט ז): דו ביסט.

72. פּ (ניט ב) אין די ווײַטערדיקע ווערטער: אויפּס, היפּש, פּויפּסט, קעפּסווײַב, קרעפּס.

טאָפּעלע שרײַבונג: אויסגעוועבט, אויסגעוועפּט; לעבלעך, לעפּלעך; קלעבן, קלעפּן.

73. פֿ (ניט וו): שקלאַף, שקלאַפֿערײַ.

74. צ נאָך ל: אַלץ (אַלע זאַכן).

75. צ (ניט ס) נאָך נ.

ערנצט, פֿינצטער, פֿענצטער.

76. אויף צו באַצייכענען די פּאַלאַטאַליזירונג („פּאַרווייכונג") פֿון אַ קאָנ־סאָנאַנט פֿאַר אַ וואָקאַל ווערט באַנוצט י.

טוליען, טיאַכקען, ליאַדע, ליאַליע, ליאַמע, ליאַרעם, ליובעניר, ליולקע, מיאַרקען, ניאָמע, ניאַניע, סאָניע, סאָסיע, סמאַליען, עליע, פּיאַטע, קליאַמקע.

77. די פּאַלאַטאַליזירונג פֿון אַ קאָנסאָנאַנט בלײַבט ניט־באַצייכנט:

א) פֿאַר אַ קאָנסאָנאַנט.

מאַנקע, סאָנקע.

ב) וואָרט אויס.

קאַזאַן.

ג) אין אינטערנאַציאָנאַלע ווערטער פֿון גריכישן אָדער ראָמאַנישן אָפּשטאַם.

בילעט, מאַלוסק, מאָלעקולאַר, פּאָלאַר, ראָלע, רעוואָלוציע.

ד) אין טייל פֿאַמיליע-נעמען, הגם דער קאָנסאָנאַנט איז דאָ בפֿירוש אַ „ווייכער".

לעניך, לערמאָנטאָוו.

## V. פּרעפֿיקסן און פּרעפּאָזיציעס

78. או מ -.

אומאָפּהענגיק, אומגליק, אוממיגלעך, אוממענלעך, אומנוציק, אומענלעך.

79. **אויף סײַ ווי אַ פּרעפּאָזיציע, סײַ ווי אַ ווערבאַלער צוגאָב.**

אויפֿן טיש, הייב דאָס אויף.

80. אַ נ ט -.

אַנטדעקן, אַנטלויפֿן.—אָבער: ענדגילטיק, ענדגלידער, ענדלעך.

81. אָ פּ (-), אַ ר אָ פּ (-).

אָפּנעמען, אַראָפּנעמען.

82. ב -.

בגוואַלד, בגראַנדע, בלאַנגזאַם, בקאָמפּאַניע.

83. ב אַ -.

באַגליקן, באַקומען; באַשײַמפּערלעך, באַשמעקט.

84. ב ײַ (-).

בײַ מיר, בײַם זינען, בײַ דער זײַט; דערבײַ, פֿאַרבײַ; בײַבאַטײַט, בײַגאַרטל, בײַזאַך.

אילוסטראַציעס צו 83 און 84: ער איז ב ײַ ג ע ל ט; ער איז ב אַ ג ע ל ט (אָפּגעפֿאַרבט אויף געל). — ב ײַ ש ט ײ ן דעם ניסיון; ב אַ ש ט ײ ן זײַן שטעטל. — ב ײַ ל ײ ג ן (צוגעבן) אַ באַשטעטיקונג; ב אַ ל ײ ג ן דעם טיש מיט טעלער. — ב אַ ק ו מ ע ן; ב ײַ ק ו מ ע ן.

85. ג ע -.

גענומען, געגעבן.

86. ד ע ר -.

דערבײַ, דערצו, דערקוטשען.

ניט: דאַבײַ, דאָקוטשען אאז"וו.

87. צ ו (-).

**א) ווי אַ ווערבאַלער צוגאָב:**

צוגיין, צוהאַלטן, צוטראַכטן; אויך אין די אָפּטײלעוודיקע פֿאָרמען: איך גיי צו, האַלט צו, טראַכט צו; בײַ פּאַרטיציפּן: צוגעגאַנגען, צוגעהאַלטן, צוגעטראַכט; בײַ אַדווערבאַטיווע סובסטאַנטיוון: צוגאָב, צוגאַנג, צושפּרינגל.

ב) אין דער סופֿין־פֿאָרם פֿון ווערב; דערבײַ ווערט „צו" געשריבן באַזונדער. אויב אָבער דער ווערב האָט בײַ זיך אַ ווערבאַלן צוגאָב, ווערט דער „צו" געשריבן אין אײנעם מיטן צוגאָב און מיטן ווערב.

קומען צו גיין, געבן צו וויסן, ווי ס'באַדאַרף צו זײַן. — ניטאָ וואָס אָנצונעמען, עס איז שווער דאָס אָפּצוברעכן, איך פֿיל זיך צעצוגיין.

ג) ווי אַן אַדווערב, דאָס רובֿ פֿאַר אַדיעקטיוון און אַדווערבן; געשריבן באַזונדער.

צו גרויסע טריט, צו פֿיל, וואָס צו איז איבעריק.

ד) ווי אַ פּרעפּאָזיציע; געשריבן באַזונדער.

קומען צו זיך, טראָג דאָס אָרעק צו מיר.

ה) אין אַזעלכע ווערטער ווי: צוזאַמען, צונויף, צוריק.

זע תקנה 127 ב).

88. צ י ווי אַ פֿרעג־פּאַרטיקל.

צי ווייסטו?

89. צ ע -.

בײַ ווערבן, ווו דער פֿאָדערטראַף איז ניט אָפּטײלעוודיק און האָט דעם באַטײַט „פֿונאַנדער".

צעגיין, צעלאָזן, צעקריכן.

90. פֿונאַנדער (-).

פֿונאַנדערנעמען, איך נעם פֿונאַנדער.

ניט: פֿאַנאַנדער אָדער פֿאַרנאַנדער.

91. פֿ אַ ר -.

פֿאַרבינדן, פֿאַרהאַלטן.

# VI. סופֿיקסן און ענדונגען

92. - אָ ג, - י ק: מאָנטאָג, דינסטאָג, דאָנערשטאָג, פֿרײַטאָג, ווייטאָג, אָדער: מאָנטיק, דינסטיק, דאָנערשטיק, פֿרײַטיק, ווייטיק. אָבער: מיטאָג, ווילטאָג.

93. - ה י י ט ווי אַן ענדונג פֿון סובסטאַנטיוון ווערט געשריבן מיט ײ, אָן אַ פּתח.

מערהייט, פֿרײַהייט, שיינהייט.

ניט: מערהײַט, שיינהײַט. זע תקנות 101 און 118.

94. - ה י י ט.

געזונטערהייט, הייסערהייט.

95. - ו ו ײַ ז.

טיילווײַז, משוגענערווײַז.

96. ־יע אין אַזױנע װערטער װי: אינדוסטריע, מיטאָלאָגיע, פּאָעזיע.

ניט: אינדוסטרי, מיטאָלאָגי, פּאָעזי.

97. ־ים אין פּלוראַל.

דאָקטוירים, נאַראָנים, פּויערים.

98. ־ין, ־ינטע.

לערערין, שניַידערין; האַרינטע.

99. ־יע אין לענדער־נעמען.

איטאַליע, אינדיע, רומעניע, שפּאַניע.

ניט: איטאַליען, אינדיען אאַז״וו.

100. ־יק.

א) אין סובסטאַנטיוון.

איציק, בערטשיק; סמיטשיק, ספּאָדיק.

ב) אין אַדיעקטיוון און אַדװערבן.

ליכטיק, נייטיק.

101. ־יקייט.

ליכטיקייט, נייטיקייט.

ניט: ליכטיקײַט, נייטיקײַט. זע תּקנות 93 און 118.

102. ־יקן.

רייניקן, שעדיקן.

103. ־יש.

טערקיש, יידיש, פּויליש; מלוכיש; אידעיִש, איראָפּעיִש, העברעיִש; פּאַרטייִש; מאַלײַיִש.

104. ־לאָז.

היימלאָז, קינדערלאָז.

105. ־לעך.

א) אין סובסטאַנטיוון.

װײַרעך, לײַלעך; קינדערלעך, שטיבלעך.

ניט: ־ליך אָדער ־לאַך.

ב) אין אַדיעקטיוון און אַדװערבן.

גליקלעך, מענטשלעך; פּאַמעלעך; בלינדלעך, זיסלעך.

106. ־סקי, ־צקי אין פֿאַמיליע־נעמען, סײַ מענלעך און סײַ װײַבלעך.

דאָסטאָיעװסקי, לינעצקי; אסתּר־רחל קאַמינסקי.

ניט: לינעצקע; ניט: קאַמינסקע, קאַמינסקאַ.

107. ־ע־.

אָרדענעך, צירכענעך, רעכענעך; אָרדענונג, האָפֿענונג, צייכענונג, רעכענונג.

108. ־עכץ.

אויסלייגעכץ, געמויזעכץ, טרעכץ, טרינעכץ.

אַנדערש, אויב דער ־כ־ איז פֿונעם שורש: געקעכטס.

109. ‎-על‏ע, ‎-על‏עך.

מײדעל‏ע, מײדעל‏עך.

110. ‎-עם אין צונויפֿוואָקס מיטן אַרטיקל‏.

אין צונויפֿוואָקסן פֿון פּרעפּאָזיציעס אויף ‎-ן מיט אַרטיקל‏, אויף וויפֿל‏ מען ניצט זיי, ווערט געשריבן ‎-עם.

אינעם, אָנעם, פֿרנעם.

ניט: פֿונם, פֿונ׳ם.

111. ‎-עם אין אַדיעקטיוון.

‎- עם אין דאַטיוו־אַקוזאַטיוו סינגול‏אַר:

א) אויב דער שורש פֿון אַדיעקטיוו ענדיקט זיך אויף ‎-ן:

דעם אײגענעם, ברוינעם, גרינעם, זײַדענעם, טרוקענעם.

ב) אויב דער אַדיעקטיוו ענדיקט זיך אין ערשטן פֿאַל‏ אויף ‎-נע:

דעם מאָדנעם, דעם סטאַטעטשנעם.

112. ‎-ען אין סובסטאַנטיוון.

‎-ען (און ניט סתּם ‎-ן) קומט אין סובסטאַנטיוון:

א) אין דאַטיוו־אַקוזאַטיוו, אויב דער נאָמינאַטיוו ענדיקט זיך אויף ‎-ע.

דער באָבען, דער מאַמען, דער מומען; ל‏ײבקען, ל‏יפּען, סאָניען.

אָן ‎-ע- בל‏ויז: דעם זיידן, דעם טאַטן.

ב) אין פּל‏וראַל‏, אויב דער סינגול‏אַר ענדיקט זיך אויף ‎-נג, ‎-נק.

של‏אַנגען, פֿונקען.

ג) באַמערק דעם פּל‏וראַל‏ פֿון די סובסאַנטיוון אויף ‎-ל‏ מיט אַ פּאָרויסיקן קאָנסאָנאַנט.

אײזל‏ען, היטל‏ען, מאַנטל‏ען.

113. אָן ‎-ע- געאָגראַפֿישע נעמען פֿונעם טיפּ: באָדן, העסן, מינכן, פּרײַסן, שוואָבן.—אָבער: טירינגען (ע״פּ אַנאַלאָגיע מיט 112 ב).

114. ‎-ען אין אַדיעקטיוון.

‎-ען (און ניט ‎-ן סתּם) קומט אין דער בייגונג פֿון אַדיעקטיוון, אויב דער שורש ענדיקט זיך:

א) אויף אַ וואָקאַל‏ אָדער דיפֿטאָנג.

דעם פֿריִען, דעם פֿרײַען, דעם בל‏וּיען.

אָבער: דעם נײַעם.

ב) אויף ‎-ם.

דעם ל‏אָמען, דעם קרומען.

אין אַל‏ע אַנדערע פֿאַל‏ן קומט ‎-ן.

דעם הויכן, דעם גרויסן, דעם ל‏אַנגן, דעם קראַנקן; די קראַנקן־קאַסע; דעם אײדעל‏ן באַשיצער.

115. -ען אין ווערבן.

-ען (און ניט -ן סתם) קומט אין ווערבן:

א) אין דער גרופּע אויף -ע-.

מעקען, פֿאַרען זיך, פּאַשען, קווטשען (ווײַל: די ציג מעקעט, פֿאָרעט זיך, פּאַשעט זיך אאַז״וו).

אָבער: מעקן, צונויפֿפֿאָרן, פּאַסן, ווישן (ווײַל: איך מעק, פֿאָר צונויף, פּאַס, וויש).

ב) אויב די ערשטע פּערזאָן סינגולאַר פֿון פּרעזענס ענדיקט זיך אויף אַ וואָקאַל אָדער אַ דיפֿטאָנג.

רוען, בלײַען, לײַען, געטרויען.

באַמערק אָבער: גייען, שטייען.

ג) אויב די ערשטע פּערזאָן סינגולאַר פֿון פּרעזענס ענדיקט זיך אויף ל מיט אַ פֿאָרויסיקן קאָנסאָנאַנט.

ברעקלען, גראַבלען, זידלען, טרייסלען, פּלאַפּלען.

ד) אויב די ערשטע פּערזאָן סינגולאַר פֿון פּרעזענס ענדיקט זיך אויף -ם.

נעמען, קומען, קרימען, רימען; גענומען, געקומען.

ה) אויב די ערשטע פּערזאָן סינגולאַר פֿון פּרעזענס ענדיקט זיך אויף -ן.

ברענען, געפֿינען, ווײַנען, קענען, רינען, שפּינען; געפֿונען, געדונען, געשפּונען.

ו) אויב די ערשטע פּערזאָן סינגולאַר פֿון פּרעזענס ענדיקט זיך אויף -נג, -נק.

בענקען, הענגען, זינגען, טרינקען; בענקענדיק, הענגענדיק, זינגענדיק, טרינקענדיק; געהאַנגען, געזונגען, געטרונקען.

116. -עניש.

באַדערפֿעניש, לײַענעניש.

117. -ער. אין ווערטער פֿונעם טיפּ: זשאַנער, טעאַטער, ליטער, מאַנעווער, מעטער, צווינטער, צענטער, קאַדער, קאָנטער (רעוואָלוציע); פּלוראַל: טעאַטערס, ליטערס, מעטערס, צווינטערס, צענטערס אאַז״וו. — טאָפּעלע שרײַבונג: דאָקטאָר אָדער דאָקטער, אויב עס מיינט דאָקטאָר מעדיצין; אָבער בדרך כּלל: דאָקטאָר, פּראָפֿעסאָר, רעדאַקטאָר אד״גל.

118. -קייט.

וואַרעמקייט, פֿײַנקייט.

ניט: וואַרעמקײַט, פֿײַנקײַט. זע תּקנות 93 און 101.

119. אויב דער שורש פֿון אַן אַדיעקטיוו ענדיקט זיך אויף -ג, בלײַבט דער ג אין סובסטאַנטיוון אויף -קייט.

קלוגקייט, שטרענגקייט; גרינגקייט, להיפּוך צו גרינקייט.

אויב דער שורש פֿון אַדיעקטיוו ענדיקט זיך אויף ‎-ק, שרײַבט מען בלויז איין ק.

קראַנקייט, שטאַרקייט, שלאַנקייט (פֿאַרגלײַך: ליכטיקייט, ריײניקייט, פֿריידיקייט).

120. ‎-קע.

לערערקע, שנײַדערקע.

121. **ס בײַם סופּערלאַטיוו.**

ס+ס = ס: דער זיסטער.

ז+ס = זס: דער בייזסטער.

ש+ס = שס: דער פֿרישסטער.

122. **ס בײַ ווערבן אין דער צווייטער פּערזאָן איינצאָל.**

ס + סט = סט: דו ווייסט.

ז + סט = זסט: דו בלאָזסט.

צ + סט = צסט: דו הייצסט.

דז + סט = דזסט: דו האַלדזסט.

ש + סט = שסט: דו וואַשסט.

טש + סט = טשסט: דו פּאַטשסט.

123. **ט בײַ ווערבן אין דער דריטער פּערזאָן איינצאָל.**

ט+ט = ט: ער היט.

ד+ט = דט: ער שנײַדט.

124. **ט בײַ ווערבן אין שוואַכן פּאַרטיציפּ.**

ט+ט = ט: געוואַרט.

ד+ט = דט: גערעדט.

125. אַלגעמיינער כּלל פֿאַר 121—124:

דער ערשטער קאָנסאָנאַנט פֿון דער ענדונג ווערט **ניט** געשריבן נאָר אין דעם פֿאַל אויב ער איז **אידענטיש** מיטן אויסלאָז-קאָנסאָנאַנט פֿון שורש; אויב עס באַגעגענען זיך **ענלעכע** קאָנסאָנאַנטן, ווערן געשריבן **ביידע** אותיות.

# VII. אין איינעם אָדער באַזונדער

## באַזונדער

126. אין גאַנצן באַזונדער שרײַבט מען:

א) דעם אומבאַשטימטן אַרטיקל אַ, אַן.

אַ מענטש, אַ גרויסער מענטש. אַן עפּל, אַן איבעריקע זאַך. אַ ביסל, אַ סך. באַמערק: דרײַ אַ זייגער (פֿג״ל: דרײַ דעם זייגער).

ב) דעם באַשטימטן אַרטיקל און דעם אָנווײַזיקן פּראָנאָמען **דער, די, דאָס.**

דער מאַן, די פֿרוי, דאָס קינד; די וועלט און יענע וועלט; אָט דער, דער אָ, דער אייגענער, דער דאָזיקער, דער זעלביקער (זעלבער), דער יעניקער, דער נעמלעכער; און אַזוי אויך אין אַלע בייגפֿאַלן.

**ג) פֿאַרבינדונגען פֿון סובסטאַנטיוון פֿונעם טיפּ: אַ גלעזל טיי, אַ פֿונט צוקער.**

ניט: אַ גלעזל־טיי, אַ פֿונט־צוקער.

**ד) פֿאַרבינדונגען פֿון אַן אַטריבוטיוון אַדיעקטיוו מיט אַ סובסטאַנטיוו.**

אַ היימיש ווינקל, אין דער יידישער ליטעראַטור.

ניט: אַ היימיש־ווינקל, אין דער יידישער־ליטעראַטור.

**ה) צום ביים סופּערלאַטיוו.**

צום בעסטן, צום גרעסטן.

**ו) פֿאַרבינדונגען פֿון אַן אַדווערב מיט אַן אַדיעקטיוו (אַדווערב).**

אַזוי געררופֿענע, אַלגעמיין מענטשלעך, ברייט פֿאַרצווייַגט, גוואַלדיק שווער, האַלב טונקל, הויך אינדוסטריאַליזירט, זייער גרויסע, טיף פֿאַרוואָרצלטער, די צווייט גרעסטע גרופּע, דייַן וויסנשאַפֿטלעך, שטאַרק הייס.

על־פּי אַנאַלאָגיע אויך: טויט שטיל, צוקער זיס, שפּאָגל נייַ.

**ז) דעם ווערבאַלן צוגאָב פֿון אַ ווערב, אויב ער שטייט נאָכן שורש.**

נעם איבער, ער גייט אָפּ, מיר שלאָגן פֿונאַנדער, זיי לייגן צו.

ניט: נעם־איבער, ער גייט־אָפּ אאַז״וו.

**ח) די העלפֿווערבן „זייַן", „ווערן", „האָבן" אין די ווערבן פֿונעם טיפּ: אויסן זייַן, גורם זייַן, מקנא זייַן; מגולגל ווערן, מקוים ווערן; הנאה האָבן, חרטה האָבן.**

דאָס אייגענע אין אַלע אַנדערע פֿאָרמען: איך בין גורם, מיר האָבן מקנא געווען, זיי וועלן מגולגל ווערן.

ניט: גורם־זייַן, איך בין־גורם אאַז״וו.

**ט) דעם פּראָנאָמען זיך ביי ווערבן.**

אָפּרוען זיך. ער רוט זיך אָפּ.

ניט: אָפּרוען־זיך.

**י) צאָלווערטער.**

גרונטצאָלן: צוויי מיליאָן זעקס הונדערט זיבן און אַכציק טויזנט דרייַ הונדערט פֿיר און צוואַנציק.

אָבער סובסטאַנטיווירט: דער פֿינפֿאונצוואַנציקער, דער פֿינפֿהונדערטער.

סדר־צאָלן: דער איין און צוואַנציקסטער; דעם הונדערט אַכציקסטן; אין טויזנט נייַן הונדערט דריטן יאָר.

## באַזונדער אָדער אין איינעם

**127. אין אַן אַדוועריאַלער פֿאַרבינדונג, ווו דער ערשטער עלעמענט איז אַ פּרעפּאָזיציע, ווערט די פּרעפּאָזיציע געשריבן אין טייל פֿאַלן באַזונדער, אין טייל פֿאַלן אין איינעם מיטן צווייטן טייל פֿאַרבינדונג. דער כּלל גייט אַזוי:**

**א) אויב דער ניט-פּרעפּאָזיציאָנעלער עלעמענט באַנוצט זיך פֿאַר זיך אויך, שרײַבט מען די פּרעפּאָזיציע באַזונדער.**

אויף דאָס נײַ, אויף דער נאַכט, אויף דער פֿרײַ, אויף צוריק, איבער אַ נײַס, אין איינעם, אין גאַנצן, אין דער היים, אין דער לופֿטן, אין דער מיט, אין דער פֿינצטער, אין דער פֿרי, אין דרויסן, אין מיטן, (זײַן) אין שטאַנד; ביז אַהער, ביז איצט, ביז מאָרגן; ווי אַזוי, ווי באַלד, ווי לאַנג, ווי פֿיל (אָדער: וויפֿל); נאָך דעם, פֿאַר וואָס, פֿאַר פֿרי, פֿון אָנהייב, פֿון דאָס נײַ (פֿון ס'נײַ), פֿון הינטן, פֿון ווײַט, פֿון ווײַטן, פֿון דער נאָענט, פֿון נאָענט, פֿון פֿאָרנט; צו ביסלעך, צו וואָס, צו וועגן (ברענגען), צו לעצט, צו נוץ, צו ניץ (קומען), צו ערשט, צו שטאַנד (קומען), צום ערשטן.

טעם: מיר האָבן אין אונדזער שפּראַכבאַנוץ באַזונדער, פֿאַר זיך, די ווערטער: דאָס, נײַ; דער, נאַכט; דער, פֿרײַ; צוריק; אַ, נײַס; איינעם, גאַנצן אאַז"וו.

**ב) אויב דער ניט-פּרעפּאָזיציאָנעלער עלעמענט באַנוצט זיך ניט פֿאַר זיך, שרײַבט מען די פּרעפּאָזיציע אין איינעם מיטן צווייטן טייל פֿאַרבינדונג.**

דורכאַנאַנד, מיטאַנאַנד, נאָכאַנאַנד; ביזדאַנען, דורכדאַנען, פֿונדאַנען; פֿונדעסטוועגן; ביזוואַנען, דורכוואַנען, פֿונוואַנען; צוזאַמען; צונויף; צופֿוסנס, צוקאָפּנס; צוריק.

טעם: מיר האָבן ניט אין אונדזער שפּראַכבאַנוץ באַזונדער, פֿאַר זיך, קיין ווערטער: דאַנען, וואַנען, זאַמען, נויף, פֿוסנס, קאָפּנס, ריק.

**128. אויף צו שרײַבן, לויט תּקנה 127, די פּרעפּאָזיציע באַזונדער, איז גענוג, אויב דער ניט-פּרעפּאָזיציאָנעלער עלעמענט באַנוצט זיך פֿאַר זיך אין ו ע ל כ ע ר ע ס א י ז פֿאָרם, ניט דווקא אין דער פֿאָרם וואָס שטייט מיט אַ פּרעפּאָזיציע.**

„אמתן" קען זײַן מערצאָל פֿון „אמת", ממילא: אין דער אמתן.— „לופֿטן" קען זײַן פּלוראַל פֿון „לופֿט", ממילא: אין דער לופֿטן.— „דאָס" און „נײַ" זײַנען פֿאַראַן אין דער שפּראַך, ממילא: פֿון דאָס נײַ.—„וועגס" איז פֿאַראַן אין דער פֿאַרבינדונג „אַ שטיק וועגס", „מאָרגנס" און „נאַכטס" זײַנען געניטיוון, און אין טייל געגנטן ווערן די פֿאָרמען אַפֿילו גענוצט אַדווערביאַל, ממילא: אין איין וועגס; צוריק וועגס; צו מאָרגנס; פֿרײַטאָג צו נאַכטס.—„ווײַטנס" קען זײַן געניטיוו פֿון „(דער) ווײַטער", ממילא: פֿון דער ווײַטנס.

129. אויב פֿון אַן אַדווערביאַלער פֿאַרבינדונג וואָס באַשטייט פֿון עטלעכע באַזונדער געשריבענע ווערטער ווערט געפֿורעמט אַן אַדיעקטיוו, ווערט דער אַדיעקטיוו געשריבן אין איין וואָרט.

אויבן אויף, אָבער: אויבנאויפֿיקע אײַנדרוקן; אויף דער נאַכט, אָבער: אויפֿדערנאַכטיקע שעהען; אין איינעם, אָבער: די אינאיינעמדיקע שפּאַצירן; ביז אַהער, אָבער: די ביזאַהעריקע רעזולטאַטן; ביז איצט, אָבער: די ביזאיצטיקע אָפּמאַכן.

## אין איינעם

130. פּרעפֿיקסן ווערן אַלעמאָל געשריבן אין איינעם מיטן שורש, אומאָפּהענגיק פֿון דער צאָל טראָפֿן.

אין סובסטאַנטיוון: אומגליק, באַפֿרידיקונג, הינטערגעדאַנק, צוגאָב, קאָנטררעוואָלוציאָנער, קעגנפֿאָרשלאָג.

אין אַדיעקטיוון: אומפֿאַרשטענדלעך, באַהאַרצט, צעקלעמט, פּראָיאַפּאַניש, פּרעהיסטאָריש, פֿאַרהיסטאָריש.

אין ווערבן: א) מיט אַ פֿעסטן פּרעפֿיקס: אַנטלויפֿן, באַקוקן, דערשרײַבן, צעהאַקן, רעאָרגאַניזירן; ב) מיט אַ ווערבאַלן צוגאָב (אָפּטײַלעוודיקן פּרעפֿיקס), אויב דער פּרעפֿיקס שטייט פֿאַרן שורש: איבערנעמען, אָפּגיין, פֿאַרבײַלויפֿן, פֿונאַנדערנעמען, צולייגן. זע אויך תּקנה 87 ב).

באַמערק, אַז די תּקנה 130 איז חל אויך אויף העברעיִזמען: אומכּבֿוד, מיטחבֿר, אומברחמנותדיק, פֿאַרחלשט; באַטעמען, צעהרגען; אָפּפּטרן, צוגזלען.

131. ווען עס באַגעגענען זיך אין פּרעפֿיקס און שורש צוויי פֿונאיינע קאָנסאָנאַנטן, ווערן געשריבן ביידע.

אוממיגלעך, אוממענלעך, אָננעמען, אָפּפּטרן, אַרויפֿפֿאַלן, אַרונטעררײַסן, מיטטײלן, פֿאַררײכטן.

132. באַמערק אַ צאָל ווערטער וואָס ווערן געשריבן אין איינעם מיטן אַ: אַדאַנק, אַדורך, אַהיים, אַהין, אַהער, אַוועק, אַזאַ, אַזוי, אַזוינער, אַזעלכער, אַחוץ, אַמאָל (מיט די טײַטשן: מיט אַ צײַט צוריק; ווען עס איז; פֿון צײַט צו צײַט), אַמער, אַניט, אַפּנים, אַפּשיטא, אַפּריִער, אַשטייגער.

## אין איינעם אָדער פֿאַרבונדן

133. אַ פֿאַרבינדונג פֿון צוויי ווערטער, וואָס איינס פֿון זיי האָט אָנגעווירן זײַן באַזונדערן הויפּטאַקצענט (אַזאַ פֿאַרבינדונג ווערט אָנגערופֿן צונויפֿהעפֿט), ווערט געשריבן אין טייל פֿאַלן אין איינעם, אין טייל פֿאַלן פֿאַרבונדן מיט אַ מקף. דער כּלל גייט אַזוי:

א) אויב דער צונויפּהעפט איז ניט מער ווי דרײַטראַפּיק, שרײַבט מען אים אין איינעם.

דער צווייטער טייל אַ סובסטאַנטיוו: אַלעמאָל, אָפּטמאָל, אָפּטמאָלס, טיילמאָל, יאָרצײַט, לופטפּאָסט, עסטיש, פּליפּאָסט, קאָרטנטיש, שטערעמווינט, שיקינגל, שרײַבמאַשין.

באַמערק: גאָרניט, גאָרנישט.

דער צווייטער טייל אַן אַדיעקטיוו (אַדווערב): אַלטדײַטש, גרויסהאַנטיק, מאָסגיביק, ניטהיגער, ניטיִדישער, נײַהויכדײַטש.

ב) אויב דער צונויפּהעפט איז מער ווי דרײַטראַפּיק, שרײַבט מען אים מיט אַ מקף.

דער צווייטער טייל אַ סובסטאַנטיוו: גראַמאָפאָן-טישל, לערער-סעמינאַר, מענדעלע-אויסשטעלונג, פרויען-צימער (צימער פאַר פרויען, להיפּוך צו פרויענצימער=פרוי, וואָס דאָס איז ניט קיין צונויפּהעפט אין איינצלעכן זינען), ראַדיאָ-הילכער, רולעטקע-טיש, רעווידירקאָמיסיע, רעכן-מאַשין.

דער צווייטער טייל אַן אַדיעקטיוו: מיטל-הויכדײַטש, ניט-קאָמפּעטענטע.

זע אָבער די תקנות 31, 134—135, 139—142, 144.

134. די צאָל טראַפּן דאַרף מען באַשטימען לויט דער קירצסטער פאָרם פונעם צונויפּהעפט, און יעמאָלט בלײַבט שוין די איינאייגעמדיקע שרײַבונג אַפילו אויב אין אַן אַנדער פאָרם פאַרגרעסערט זיך די צאָל טראַפּן.

שוסטעריינג, ממילא אויך: שוסטעריִנגל; שרײַבמאַשין, ממילא אויך: שרײַבמאַשינען; גרויסהאַנטיק, ממילא אויך: גרויסהאַנטיקער.

135. פרעמדווערטער-צונויפּהעפטן וואָס זײַנען אַרײַן אין יִדיש פאַרטיקערהייט ווערן געשריבן אין איינעם אַפילו ווען די צאָל טראַפּן איז גרעסער ווי דרײַ.

אויטאָביאָגראַפיע, מיקראָביאָלאָגיע, נעווראָפּאַטאָלאָגיע, עגאָצענטריקער.

136. אויב אין אַ צונויפּהעפט באַגעגענען זיך צוויי פונאיינע קאָנסאָנאַנטן, ווערן בדרך כלל געשריבן ביידע.

באַנקקוועטשער, בירגערעכט, הויפּטטייל, וואַששיסל, ווילללערנער, וועלטטייל, נאַכטטיש, פּראָפּפּאַראַיין, צוריקקער, קרייצצוג.

137. בלויז איין קאָנסאָנאַנט ווערט געשריבן אין די ווײַטערדיקע ווערטער: אוירינגל, אָרעמאַן, דריטל, פערטל אאַז״וו, האַנטעך, טישטעך, מיטאָג, מיטיק, פאַרטעך, שלימזל (הגם ס'איז בעצם: אויער + רינגל, אָרעם + מאַן, דריט, פערט + טייל, האַנט, טיש, פאַר + טוך, מיט + טאָג, שלים + מזל).

138. באַמערק אויך: ביסטו; ניטאָ, נישטאָ (הגם ס'איז בעצם: ביסט + דו, ניט, נישט + דאָ).

139. אויב איינער אָדער בײדע טײלן פֿון צונויפֿהעפֿט זײַנען העברעיִזמען, ווערט געשטעלט אַ מקף אַפֿילו ווען די צאָל טראַפֿן איז ניט גרעסער ווי דרײַ.

בעל־שם, יום־טובֿ, שלאָף־חדר, שער־בלאַט.

140. אויב צו אַ צונויפֿהעפֿט (אַלץ איינס פֿון וויפֿל טראַפֿן ער באַשטייט) קומט צו נאָך אַן עלעמענט, ווערט אָט דער עלעמענט פֿאַרבונדן מיט אַ מקף.

פֿליפֿאָסט—הויפּט־פֿליפֿאָסט, עסטיש—קינדער־עסטיש, וואַל־קאָמיסיע—הויפּט־וואַל־קאָמיסיע, מחוצף־פּנים — אַרצע־מחוצף־פּנים, קאָפּעקל — קאָפּעקל־סטאַדיע.

141. ווען ניט ווען שטעלט מען אַ מקף צוליב דײַטלעכקייט.

דער א־צייכן. דער i־קלאַנג.

142. אויב אין אַ צונויפֿהעפֿט באַגעגענען זיך צוויי אותיות, וואָס אין איינעם וואָלט זיי זיך געלייענט אַנדערש, שטעלט מען אַ מקף אַפֿילו ווען די צאָל טראַפֿן איז ניט גרעסער ווי דרײַ.

אַנטי־ייִדיש, ניו־יאָרק.

143. אויב עס גייען נאָכאַנאַנד עטלעכע צונויפֿהעפֿטן, וואָס איין באַשטאַנדטייל זייערער איז אידענטיש, און מיר פֿאַרפֿעלן איבערצוחזרן דעם אידענטישן באַשטאַנדטייל, מוז נאָך יעדן טייל פֿון אַזאַ איבערגעהיפּערטן צונויפֿהעפֿט שטיין אַ מקף.

דער אַרבעטער־, פּויערים־ און סאָלדאַטן־ ראַט. צײַטונגס־אַרטיקלען און ־נאָטיצן.

ניט: דער אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן־ראַט. צײַטונגס־אַרטיקלען און נאָטיצן.

144. בײַ אַן איבערגעהיפּערטן צונויפֿהעפֿט שרײַבט מען אַ מקף אַפֿילו בײַ צוויי־ און דרײַ־טראַפֿיקע ווערטער.

פֿעלדגעוויקסן, וואַלדגעוויקסן; אָבער: פֿעלד־ און וואַלד־געוויקסן. אַלטדײַטש, נײַדײַטש, אָבער: אַלט־ און נײַ־דײַטש. ברויטקוואַס, אָבער: מאַלץ־, עפּל־ און ברויט־קוואַס.

## פֿאַרבונדן

145. מיט אַ מקף (פֿאַרבינדער, דעפּיס) פֿאַרבינדט מען:

א) צוויי גלײַכוואָגיקע ווערטער, וואָס איטלעכס פֿון זיי היט אָפּ זײַן באַזונדערן הויפּטאַקצענט.

גאָפּל־לעפֿל, טאַטע־מאַמע, לייענער־פֿרײַנד; אַלט־נײַ, חסידיש־נגידיש, שוואַרץ־רויט.

ב) פֿאַרבינדונגען פֿון עטלעכע ווערטער וואָס ווערן אויפֿגענומען ווי איין גאַנצהייט.

אַ גאַנצער יאַ־טעבע־דאַס, אַ לאָז־מיך־געמאַך־קרעכצעלע.

באַמערק די שרײַבונג: דער שמעון פֿרוג־אָוונט, דער ד״ר שלמה עטינגער־ירבֿל־קאָמיטעט, דער י. ל. פּרץ־שרײַבער־פֿאַראײן.

ניט: דער שמעון פֿרוג אָוונט, דער שמעון־פֿרוג־אָוונט.

ג) **נעמען פֿון שטעט און גאַסן, וואָס איין טייל פֿונעם נאָמען באַשטימט דעם צווייטן.**

ירושלים־דליטא, פֿראַנקפֿורט־מײַן, ראָסטאָוו־דאָן; גרויס־פּאָהוליאַנקע, קליין־שניפּישאָק.

## סומירונג

146. **וועגן פֿאַלן פֿון שרײַבן באַזונדער ווערט גערעדט אין די תּקנות:** 126 א—י); 127 א); 128.

147. **וועגן די פֿאַלן פֿון שרײַבן אין איינעם ווערט גערעדט אין די תּקנות:** 31; 126 י); 127 ב); 129—132; 133 א); 134; 135; 138.

148. **וועגן די פֿאַלן פֿון פֿאַרבינדן מיט אַ מקף ווערט גערעדט אין די תּקנות:** 22; 133 ב); 139—145.

# VIII. טאָפּעלע שרײַבונגען

## שרײַבונג דיפֿערענצירט לויטן פּשט

149. **פֿאַראַן ווערטער וואָס זײַנען אידענטיש אָדער נאָענט צווישן זיך לויט זייער אָפּשטאַם, נאָר אין אויסלייגן זײַנען זיי דיפֿערענצירט לויטן פּשט:**

אַ ד אַ נ ק — אַ ד אַ נ ק, אַ מ אָ ל — אַ מ אָ ל אַאַז״ור (זע תּקנה 132).

ג ר ו נ ד — מאָטיוו, טעם (ער האָט זיך באַליידיקט אָן שום גרונד, איך זע ניט קיין גרונד דאָס צו טון); ג ר ו נ ט — דעק, תּוך (גרייכן דעם תּהום ביזן גרונט, אין גרונט ביסטו גערעכט).

ד אָ ק ט אָ ר; אָבער אויך ד אָ ק ט ע ר, בשעת עס מיינט דאָקטאָר מעדיצין (זע תּקנה 117).

ו ו אָ כ נ ד י ק — דאָס וואָס עס איז שייך צו דער וואָך, וואָס עס חזרט זיך איבער אַלע וואָך (נאָמבערגס „וואָכנדיקע שמועסן“); ו ו אָ כ ע ד י ק — דער היפּוך פֿון שבתדיק, יום־טובֿדיק.

ז אָ מ ע ן — ז ו י מ ע ן (זע תּקנה 150).

פֿ יַ נ ד — שונא (סובסטאַנטיוו: ער איז מײַן פֿײַנד); פֿ יַ נ ט (ווערבאַלער עלעמענט: איך האָב אים פֿײַנט).

פֿ ר יַ נ ד — גוטער פֿרײַנד; פֿ ר יַ נ ט — קרובֿ (פֿאַרגלײַך: ער האָט מיך צוגענומען זייער פֿרײַנדלעך; אָבער: מיר זײַנען מיט אים שטיקלעך פֿרײַנטלעך).

צ אַ ם — צ ו י ם (זע תּקנה 150).

## גלײַכבאַרעכטיקטע שרײַבונגען

150. פֿאַראַן טייל ווערטער וואָס מעגן געשריבן ווערן אויף עטלעכע אופֿנים, ווי ווער עס וויל, אָן שום אונטערשייד אין פּשט. די ווערטער זײַנען דאָ אויסגעשטעלט נאָכן אַלף־בית; בײַ די וואָס זײַנען שוין דערמאָנט אין די פֿריִערדיקע תּקנות איז צוגעגעבן דער נומער פֿון דער תּקנה.

אויסגעווּעבט, אויסגעווּעפּט (72).
באַקאַנט, באַקאָנט, באַקענט; באַקענען,
באַקאָנען.
בלאָ, בלוי.
בלויז, בלייז (סובסטאַנטיוו; 66).
געבאָרן, געבוירן.
געוואָר, געוווּיר (ווערן).
געזינד, געזינט (66).
געראַם, געראָים.
גראָ, גרוי.
דאָנערשטאָג, דאָנערשטיק (92).
דינסטאָג, דינסטיק (92).
דערמאַנען, דערמאָנען.
וואַרגן, ווערגן.
וואָרן, וואָרעם (מחמת).
מיטוואָך, מיטוויך — ?
ווייטאָג, ווייטיק (92).
ווײַפּל, ווי פֿיל (127 א).
זאָמען, זוימען; אָבער מיטן פּשט
„לײַנזוימען" בלויז: זוימען.
זונטאָג, זונטיק (92).
זײַן: (איר) זײַט, זענט; (מיר, זיי)
זײַנען, זענען.
טאָן, טון; געטאָן, געטון.
לעבלעך, לעפּלעך (72).
מאָנטאָג, מאָנטיק.
מיגלעך, מעגלעך.
מע, מען (אויך מ', אויב פֿאַר אַ וואָקאַל
—פֿאַרן ווערב; מען—נאָכן ווערב.
נוצן, ניצן, (צו) נוץ, ניץ (קומען).
ניט, נישט.
פֿאַרלירן: פֿאַרלאָרן, פֿאַרלוירן.
פֿאָרשטן, פֿאָרשן.
פֿאַרשידן, פֿאַרשיידן.
פֿינפֿטל, פֿיפֿטל; פֿינפֿטער, פֿיפֿטער.
פֿערדער, פֿערטער.
פֿרײַטאָג, פֿרײַטיק (92).
צאַם, צוים; אָבער ווי אַ טייל פֿון
פֿערדגעשפּאַן בלויז: צוים.
צאַמען, צוימען.
קאָנען, קענען.
קיניג, קעניג.
קלויבן, קלײַבן.
קלעבן, קלעפּן (72).
ריידן, רעדן (אָבער בלויז: דו רעדסט,
ער רעדט, גערעדט; און בלויז: די
רייד).
שווערן: געשוואָרן, געשווירן.

## פֿילאָלאָגישע סעקציע פֿון ייִוואָ

אַ. האַרקאַווי, מ. ווײַנרײַך, י. אַ. יאָפֿע,
י. ל. כּהן, אַ. לאַנדוי, ש. ניגער, נ. פּרילוצקי,
ז. קלמנאָוויטש, ז. רייזען
וויסנשאַפֿטלעכער סעקרעטאַר: מ. ווײַנרײַך

*

## באַשלוס פֿון דער צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט

(אָנגענומען אויפֿן פּלענום פֿון אָקטאָבער 3, 1934)

די 150 כּללים פֿון ייִדישן אויסלייג, וואָס די פֿילסעקציע האָט אויסגעאַרבעט, ווערן אָנערקענט פֿאַר אויסלייג־תּקנות פֿון ייִוואָ.

# מאָטיווירונגען און פּירושים

I. די אויסלייג־תּקנות וואָס ווערן דאָ געגעבן זײַנען אויסן פּ ר אַ ק ט י ש ע צילן. ממילא זײַנען זיי פֿאָרמולירט ניט פֿון טעאָרעטישן שטאַנדפּונקט, נאָר פֿון פּראַקטישן, און טיילמאָל זײַנען אין איין תּקנה צונויפֿגענומען ערשײַנונגען, וואָס היסטאָריש וואַקסן זיי פֿון פֿאַרשיידענע וואָרצלען.

II. פֿאַראַן אַ גאַנצע ריי פֿאַלן, ווו עס זײַנען אין ייִדיש פֿאַראַן דיפֿערענצן אין דער אויסשפּראַך פֿון ווערטער אָדער אַפֿילו אין אויסוואַל פֿון ווערטער, אַשטייגער:

revolutsje — revol'utsje, fanander – funander, jid — id; funem — fun dem,
du vest – dust ; hejmloz — onhejmik און אַזוי ווײַטער.

די אויסלייג־תּקנות נעמען ניט קיין שטעלונג אין קיין שום פֿראַגעס פֿון קאָרעקטער אויסשפּראַך (אָרטאָעפּיע), גראַמאַטיק אָדער ווערטער־אוצר; זיי זאָגן ניט, צי מען דאַרף זאָגן ווו אָדער אַ וווּ, אַ זוינער אָדער אַ זעלכער. די תּקנות זאָגן בלויז: אַלץ איינס צי מען זאָגט jid אָדער id, אויסלייגן דאַרף מען עס ייִד; אויב מען ניצט די פֿאָרם dust, דאַרף מען זי אויסלייגן דו'סט; אויב מען שרײַבט דעם וואָרט hejmloz, איז אַזוי ווי די תּקנה 104 הייסט.

III. פֿאַר אַ צאָל ווערטער שטעלן די אויסלייג־תּקנות אײַן אַ גלײַכבאַרעכטיקטע שרײַבונג; די דאָזיקע ווערטער זײַנען צונויפֿגענומען אין תּקנה 150 און אויסגעשטעלט לויטן א״ב. אינעם ווײַט גרעסטן טייל פֿאַלן גייט דאָ וועגן דיאַלעקטישע וואַריאַנטן, וואָס בנוגע זיי האָט נאָך די שרײַבשפּראַך ניט געפּסקנט אַהער אָדער אַהין; אין געציילטע עטלעכע ווערטער (זונטאָג—זונטיק אד״גל) איז געמאַכט געוואָרן אַ קאָנצעסיע פֿאַר ביידע אויסלייג־שיטות. יעדערער מעג הייסט עס ניצן די שרײַבונג וואָס שטימט מיט זײַן דיאַלעקט אָדער וואָס איז אים מער צום האַרצן, און אין די שולן דאַרף מען וועגן דעם וואַריאַנט וואָס שטימט ניט מיטן אָרטיקן דיאַלעקט דערמאָנען נאָר ווען מען באַגעגנט זיך מיט אים אין אַ טעקסט.

*

די ווײַטערדיקע פּירושים און מאָטיווירונגען גייען אונטער די זעלבע נומערן ווי די תּקנות גופֿא.

1. נאָך אַן אות, וו, וועט צוקומען אין אַלף־בית, צווישן ו און ז, בשעת עס וועט קאָנסטרויִרט ווערן אַ באַזונדערע געדרוקטע ליגאַטור פֿאַר v (זע דעם פּירוש צו תּקנה 9).

2. עס איז ניט גענוג אונטערצושיידן א און אָ, אָדער אַ און א, ווײַל מיר האָבן דאָך נאָך דעם אַ״ג „שטומען" אַלף. אין אַזעלכע ווערטער ווי אַ י אַ ק ס, אַ י אַ ט ש י אָ אד״גל איז די שרײַבונג מיט פּתחן בפּירוש אַ סך קלאָרער איידער א י א ק ס, א י א ט ש י אָ, ווו נאָר דאָס פֿעלן פֿון חיריק אַליין דאַרף ווײַזן, אַז ס'איז ניט iaks, iatšjo אאַז״וו.

9. עס איז די אויפֿגאַבע פֿון די שריפֿטגיסערײַען צו קאָנסטרויִרן אַ געדרוקטע ליגאַטור פֿאַר די צוויי וואָוון.

בשעת מען ניצט אין שרײַבן די צונויפֿגעגאָסענע צווײ וואָוון, דאַרף מען מקפּיד זײַן צו שרײַבן דעם ע מיט אַ קײַקעלע, ער זאָל ניט אויסקומען ענלעך צו צווײ וואָוון.

אויב u באַגעגנט זיך וואָרט אין מיט אַן אַנדער וואָקאַל, קומט ניט קײן מלופּם אין ו, אַלץ אײנס צי דער u גײט פֿריִער אָדער שפּעטער: קאָנסטרויִרן, טועַר, לועס, עקספּלואַטאַציע; ראַוט, בליִונג (זע תּקנה 14ג), אַנטלײַונג, הערקולאַנעום, זעונג, צעוס.

14. א) אַמאָל הערט זיך אַ j צווישן i און דעם אַנדערן וואָקאַל: fri(j)er, ejrope(j)iš. אין שרײַבן ווערט אָבער דער j ניט באַצײכנט.

15—14. אין אַלע אַנדערע פֿאַלן ווערט אויסגעלײגט י אָן אַ חיריק (אַלץ אײנס, צי מען רעדט דאָ אַרויס i אָדער j): אַברעוויאַציע, אַוויאַציע, אימפּעריע, אינסטרוקציע, בורזשואַזיע, לעקציע, מאַטעריע, סאָציאַל, פֿאַמיליע, פֿונקציאָנירן, פֿונקציע, קוראַטאָריום, ראַדיוס, רעוואָלוציע אאַז״וו.

15—7. אויב אַ דרוק פֿאַרמאָגט ניט קײן וּ און יִ, מוז געשטעלט ווערן אַ „שטומער א״ אין די ווײַטערדיקע פֿאַלן: א) צווישן צווײ u: טואונג, דואומווירעט; ב) צווישן v און u: וואו, פּרוווואונג; ג) צווישן v און oj: וואויל, וואוינען; ד) צווישן צווײ i: פֿריאיק, וואַריאירן; ה) צווישן i און u: באַציאונג, בליאונג; ו) אין אַלע פֿאַלן ווו i גײט נאָך אַ וואָקאַל: ראַאיסע, קאָאימבראַ, רואיק, בלויאינקער, שנײאיק, בלײַאיק, אײראָפּעאיש, פֿעאיק. — מען דאַרף אָבער מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען, אַז די דרוקן זאָלן זיך יאָ פֿאַרזאָרגן מיט יִ און וּ.

16. אָנווענדן דעם צירה (יי) פֿאַרן $\frac{ej}{aj}$-קלאַנג איז אַבסאָלוט איבעריק, וואָרעם קײן דריטע מיגלעכקײט פֿון ניצן דעם יי-צײכן איז ניטאָ: $\frac{ej}{aj}$ וואָרט אײַן קומט פֿריִער מיט אַן אַלף. אַגבֿ דאַרפֿן מיר האָבן צווײ געפּינטלטע יודן (יִיִ) אויף צו באַצײכענען צווײ i-קלאַנגען אײנס לעבן דעם אַנדערן:

פֿרײד — fr$\frac{ej}{aj}$d, פֿרײַנט — fr$\frac{aj}{a}$nt, פֿריִיק — friik

18. אין שרײַבן איז מען בײַ אונדז נאָך הײַנט גאָרניט מבֿחין צווישן פּ און פֿ, און די אונטערשײדונג אין דרוק (p מיט אַ פּינטל, f אָן אַ פּינטל) איז אויך צו ווינציק אָנזיכטיק. דערפֿון וואַקסן אָן אַ שיעור קוריאָזן און גרײַזן. מיר גײען דעריבער מיטן גאַנג, אַז אין צווײען איז שטאַרקער, און פֿירן אײַן p מיט אַ פּינטל, f מיט אַ פּאַסיקל פֿון אויבן.

די דאָזיקע אָפּגעהיטקײט בנוגע f/p איז נײטיק, מחמת בײדע אותיות באַגעגענען זיך פֿיל-ווינציק גלײַך אָפֿט. אַנדערש איז מיט די אַנדערע דרײַ פּאָרלעך: ב/בֿ, כּ/כ, תּ/ת. דאָרטן איז די תּקנה, אַז אָן אַ ספּעציעלער באַצײכענונג (פּינטל אָדער פּאַסיקל) זאָל געשריבן ווערן דער מער געברויכיקער אות. הײסט עס: ב אָן אַ פּינטל, בֿ מיט אַ פּאַסיקל; כּ און תּ מיט פּינטעלעך (זע תּקנות 6, 17, 20). וואָס שײך צו שין/סין, דערגרײכט די צאָל ווערטער מיט סין אין אונדזער טאָגטעגלעכן באַנוץ אַפֿילו ניט קײן צענדליקער: שונא, שימחה, שינאה, שכירות, שכל שכר, שׂרה, שׂרפֿה; דערצו נאָך עטלעכע, ווו דער סין קומט וואָרט אײַן. דעריבער איז די תּקנה (19), אַז אַ ספּעציעלער צײכן פֿאַר סין ווערט גענוצט בלויז אין אויסגאַבעס פֿאַר ניטגעניטע לײענער.

25. ד״ר איז אַרײַנגעפֿאַלן צווישן די ראָשי־תּיבֿות אומבאַרעכטיקטערהייט, וואָרעם בעצם איז דאָס אַ קירצונג פֿון איין וואָרט. אָבער ס׳האָט זיך שוין אײַנגעשטעלט אַזאַ טראַדיציע פֿון אויס־לייגן; בלײַבט דאָס אַזוי. ע״פּ אַנאַלאָגיע אויך: מג״ר, מ״ר, מר״ס.

38. טעם: די אידעאָגראַפֿישע סימנים №, §, $^0/_0$, — פֿאַרבײַטן דאָ פּשוט די ווערטער: נומער, פּאַראַגראַף, פּראָצענט, פֿון... ביז. — עס איז פֿאַלש צו שרײַבן: „די תּקופֿה פֿון דער רעאַקציע (1818—1848)״, וואָרעם דאָס וואָלט געהייסן, אַז די תּקופֿה האָט זיך געענדיקט מיט 30 יאָר פֿריִער איידער זי האָט זיך אָנגעהויבן.

41. פֿאַר גראַדן איז איבערגעלאָזן די שרײַבונג פֿון לינקס אויף רעכטס, מחמת דאָ איז פֿאַראַן אַן אַנאַלאָגיע מיט געצעגנטלטע ברוכצאָלן.

44. ג) די תּקנה גילט נאָר פֿאַר די סובסטאַנטיוון וואָס ענדיקן זיך אויף אַ ס; נאָך ענלעכע קאָנסאָנאַנטן ווערט דער ס יאָ געשטעלט: באָגאָראַזס־בוך. אַשס ראָמאַן. פֿ״גל תּקנה 125.

ד) טעם: פּרט־געמען ווערן אַמאָל דעקלינירט, אַמאָל ניט, דעריבער קען אָן דעם אַפּאָסטראָף בלײַבן אַ ספֿק, צי דער ־ן געהער צום נאָמען צי ניין. פֿאַרגלײַך: ער האָט געשריבן צו מענקענ׳ען. ער האָט געשריבן צו ביוקענען. — „ווינציק באַוווסטע״ לאָזט איבער אַ פּלאַץ פֿאַר מוטוויליקייט; אָבער פֿאַרפֿאַלן.

59. באַמערק, אַז דאָ רעדט זיך וועגן דער פּרעפּאָזיציע ווי דעם צווייטן באַשטאַנדטייל. הייסט עס אין אַזוינע ווערטער ווי פֿאַראיבל קומט יאָ דער אַלף.

63—66. אין די דאָזיקע תּקנות זײַנען צונויפֿגענומען זאַכן, וואָס טייל פֿון זיי זײַנען שווער פֿאַר פּוילישע ייִדן (געפֿינען—געפֿונען), טייל פֿאַר ליטווישע (אָנהייבן—אָנגעהויבן). אַ לערן־מאַטעריאַל פֿאַר די שולן זײַנען געוויינטלעך נאָר יענע פּונקטן וואָס זײַנען אַ שווערקייט איבער דעם דיאַלעקט פֿון די קינדער.

88. „צו״ („צו ווייסטו?״) בלויז אויף איבערצוגעבן עמעצנס דיאַלעקטישע אויסשפּראַך.

89. באַמערק, אַז דאָ רעדט זיך בלויז וועגן ווערבן פֿון אַ באַשטימטער קאַטעגאָריע (אָדער סובסטאַנטיוון, געפֿורעמט פֿון זיי: צעשטערונג). ממילא: צוזאַמען, צונויף, צופֿרידן אאַז״וו.

93. די ענדונג ־הייט (און דאָס אייגענע ־קייט, וואָס זי שטאַמט פֿון איר) ווערט אין פּוילישן ייִדיש אַרויסגערעדט hajt (kajt) און אין אוקראַיִנער ייִדיש hejt (kejt). לויט די קלאַנגען־געזעצן וואָלט אויך אין ליטוויש געדאַרפֿט זײַן ej. ס׳איז דעריבער ניט מער ווי רעכט, אַז דער אויסלייג זאָל אָפּשפּיגלען די אויסשפּראַך פֿון דער ניטליטווישער מערהייט.—דאָס אייגענע צו 101 און 118.

112. ב) טייל פֿון די דאָזיקע סובסטאַנטיוון קענען אויך האָבן אַ צווייטן פּלוראַל, למשל אין אַנדערע געגנטן: שלאַנג — שלענג. די אויסלייג־תּקנות נעמען ניט קיין שטעלונג צו דער פֿראַגע, וואָסער פֿאָרם עס איז בעסער; זיי זאָגן נאָר, אַז אויב שלאַנגען, דאַרף מען שרײַבן מיט ע.

126. ג) מען באַגעגנט אַזעלכע שרײַבונגען ווי: אַ גלעזל־טיי, אַ פֿונט־צוקער אד״גל גאַנץ אָפֿט ניט נאָר אין שילערשע אַרבעטן, נאָר אַפֿילו געדרוקטערהייט. נאָר זיי זײַנען בפֿירוש פֿאַלש. „גלעזל־טיי״ וואָלט געהאַט אַ זינען נאָר מיטן הויפּט־אַקצענט אויפֿן ע, און ס׳וואָלט געמיינט, אַז חוץ דעם זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע סאָרטן טיי ווי קריגלטיי, פֿלעשלטיי, פֿעסלטיי אאַז״וו.

„פֿונט־צוקער" איז דאָך אויך ניט געמײנט ווי אַן אַנטקעגנשטעלונג אַנטקעגן פּוד־צוקער, קילאָ־צוקער אד"גל.—פֿאַרגלײַך דעם אונטערשייד אין אינטאָנאַציע: אַמאָל האָט מען געגלייבט אין ים־מענטשן און: אין טעאַטער איז געווען אַ ים מענטש. באַמערק דעם אונטערשייד: דער שטייגער לעבן און דער שטייגער־מאָלער; דער שטייגער לעבן און דער לעבנס־שטייגער.

131. א) פֿאַרגלײַך: אומענלעך (אום+ענלעך) און אוממענלעך (אום+מענלעך); אָפּאַכטן (אָפּ+אַכטן) און אָפּפּאַכטן (אָפּ+פּאַכטן); מיטרײַבן (מיט+רײַבן) און מיטטרײַבן (מיט+טרײַבן).

132. פֿאַרגלײַך: „אַ דאַנק דיר האָב איך זיך געראַטעוועט" (מיט דײַן הילף; פּרעפּאָזיציע); אָבער „אַ דאַנק דיר, וואָס דו האָסט מיך געראַטעוועט".—„איך מײן אַ שטייגער" (למשל; אַדווערב) אָבער: „עס גייט אויף אַ שטייגער".—„עס איז אַ פּנים אַ חוזק"; אָבער „עס האָט אַ פּנים פֿון חוזק".—„אַמאָל האָט ער געזאָגט אַזוי און איצט זאָגט ער אַנדערש", „איצט איז אַזוי, אַמאָל וועט זײַן אַנדערש", „אַמאָל איז אַזוי און אַמאָל איז אַנדערש". אָבער: „אַ מאָל זעקס איז דאָס געווען אַזוי". טיילמאָל ווײַנען מיגלעך בײדע שרײַבונגען, געווענדט אין פֿאַרשיידענע ניואַנסן פֿון טײַטש: „איך האָב דאָך דיר שוין אַמאָל [=מיט אַ צײַט צוריק] געזאָגט"; אָבער איך: „...אַ מאָל... [=איין מאָל]".

„אַפּנים" איז אַ זאַצוואָרט, פֿאַרקירצט פֿון: „ס'האָט אַ פּנים". דערפֿאַר איז בפּירוש פֿאַלש די שרײַבונג „הפּנים". אָבער עס שפּירט זיך מער ניט דער אומבאַשטימטער אַרטיקל, ממילא מעג מען שרײַבן אין איינעם. ע"פּ אַנאַלאָגיע אויך די שרײַבונג: אַמער, אַפּשיטא.

126—145. די תּקנות וועגן שרײַבן אין איינעם אָדער באַזונדער זײַנען אויפֿגעבויט אויפֿן געדאַנק אויסצומײַדן אי די אַנגליזירטע שרײַבונג כאַראַקטער שטריכן, לייען מאַטעריאַל, קינדער זשורנאַל אד"גל, סײַ די דײַטשמערישע שרײַבונג כאַראַקטערשטריכן, לייענמאַטעריאַל, קינדערזשורנאַל אד"גל. די גרונטפּרינציפּן פֿון דער סיסטעם וואָס איז דאָ דורכגעפֿירט זײַנען אַזוינע: א) די כּללים זאָלן זײַן איבערבליקלעך און גרינג פֿאַרשטענדלעך; ב) די כּללים זאָלן זײַן ווי ווײַט מיגלעך אויס־געהאַלטן, זיי זאָלן פֿאָדערן וואָס ווינציקער אויסנאַמען; ג) ס'זאָלן ניט צו שטאַרק געבראָכן ווערן די ביזאיצטיקע שרײַב־רגילותן.

בכדי גוט און גרינג צו פֿאַרשטיין די תּקנות 126—145, דאַרף מען נעמען אין אַכט צוויי באַגריפֿן: א) אַדווערביאַלע פֿאַרבינדונג, ווו דער ערשטער עלעמענט איז אַ פּרעפּאָזיציע; ב) צו־נויפֿהעפֿט. בײַ דער אַדווערביאַלער פֿאַרבינדונג מיט אַ פּרעפּאָזיציע איז די אַלטערנאַטיוו: באַזונדער אָדער אין איינעם; בײַם צונויפֿהעפֿט איז די אַלטערנאַטיוו: אין איינעם אָדער פֿאַרבונדן. ממילא גילטן פֿאַר יעדערער פֿון די דאָזיקע קאַטעגאָריעס באַזונדערע כּללים.

בײַ די אַדווערביאַלע פֿאַרבינדונגען, ווו דער ערשטער עלעמענט איז אַ פּרעפּאָזיציע (127—128), דאַרף מען האָבן אין זינען, אַז נאָר צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע זײַנען די כּללים שייך. ממילא שרײַבן מיר: „ער האָט דאָס געטאָן צוליבן פֿאָטער („צוליב" אין איינעם), מחמת דאָ האָבן מיר ניט קיין אַדווערביאַלע פֿאַרבינדונג מיט אַ פּרעפּאָזיציע (ווי אַשטייגער אין זאָץ: „טו דאָס מיר צו ליב"), נאָר אַ פּרעפּאָזיציע ממש. אַהער איז ניט שייך די פֿראַגע וועגן אויסלייגן אַלעמאָל, אַלצדינג, מחמת דאָ איז ניטאָ קיין פּרעפּאָזיציע. די תּקנות זײַנען אויך ניט חל אויף אַזאַ וואָרט ווי פֿאַרבײַ, ווו מיר האָבן ניט אין דער אַדווערביאַלער פֿאַרבינדונג קיין ניט־פּרעפּאָזיציאָנעלן עלעמענט.

בײַם צונויפֿהעפֿטן איז מכריע (מיט די אויסנאַמען וואָס זײַנען אָנגעוויזן בײַם סוף פֿון תּקנה 133) דער מעכאַנישער פּרינציפּ פֿון דער צ אָ ל ט ר אַ פֿ ן; עס איז דער פּרינציפּ, בלויז קאָנסעקווענט דורכגעפֿירט, מיט וועלכן מען פֿלעגט זיך רעכענען אין דער ביזאיצטיקער שרײַבונג אויך. ממילא: װ אַ ס ע ר מ י ל, אָבער: װ אַ ס ע ר־ט ר ע ג ע ר; ש פּ ר אַ כ ס י ס ט ע ם, אָבער: ש פּ ר אַ כ ן־ס י ס ט ע ם; נ י ט ל י ט װ י ש, אָבער: נ י ט־ב אַ צ ײ כ נ ט.

---

# אינהאַלט


זײַט

I. דער סדר פֿון אַלף־בית (תּקנה 1) . . . . . . . . . 3

II. גראַפֿיק (תּקנות 2–55) . . . . . . . . . . . . . . 3

אַלף 3.— בית און בֿית 3.— וואָוו 3.— יוד 4.— צוויי יודן 5.— כּף און כף 5.— פּיי און פֿיי 5.— שין און סין 5.— תּוו און תוו 5.— געווײנטלעכע אותיות און שלאָס־אותיות 5.—נקודות 6.—ראָשי־תּיבֿות און קירצונגען 6.—גרונט־ און סדר־צאָלן 7.—מאָסן, מינים געלט 8.— סדר פֿון שרײַבן 9. — דאַטע 9. — גראַדן 10. — קלאַמערן 10. — אַפּאָסטראָף 10. — אַריבערטראָגן אויף אַ נײַער שורה 11. — פֿרעמדשפּראַכיקער טעקסט 11.

III. וואָקאַלן און דיפֿטאָנגען (תּקנות 56–66) . . . . . . . . 12

IV. קאָנסאָנאַנטן (תּקנות 67–77) . . . . . . . . . . . 14

V. פּרעפֿיקסן און פּרעפּאָזיציעס (תּקנות 78–91) . . . . 15

VI. סופֿיקסן און ענדונגען (תּקנות 92–125) . . . . . . . 16

VII. אין איינעם אָדער באַזונדער (תּקנות 126–148) . . . . 20

באַזונדער 20.—באַזונדער אָדער אין איינעם 22.—אין איינעם 23.— אין איינעם אָדער פֿאַרבונדן 23.—פֿאַרבונדן 25.—סומירונג 26.

VIII. טאָפּעלע שרײַבונגען (תּקנות 149–150) . . . . . . . . 26

שרײַבונג דיפֿערענצירט לויטן פּשט 26. — גלײַכבאַרעכטיקטע שרײַבונגען 27.

באַשלוס פֿון דער צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג פֿון ייִוואָ . . . . 27

מאָטיווירונגען און פּירושים . . . . . . . . . . . . . 28


---

**די אַרבעט אויף אַנדערע פֿראַגעס פֿון ייִדישן אויסלייג און אויף אַן אָרטאָגראַפֿישן ווערטערבוך ווערט געפֿירט ווײַטער**

ווילנע, דעם 24סטן מערץ 1935, אין צענטן גרינדונגסטאָג פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט

---

Kwiecień 1935 r. Nr. 1 (14). Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

Organizacje fun der jidišer visnšaft
Organizacja Nauki Żydowskiej
Organization of Jewish Science

*Ojslejg-takones fun jidiš*
Przepisy Ortografji Żydowskiej
Yiddish Spelling Rules

Redaktor odpowiedzialny M. B. Lerer.

Wydawca — za „Tow. Przyjaciół Żyd. Instytutu Naukowego w Wilnie“
Dr. M. Weinreich.

**Żydowski Instytut Naukowy / The Yiddish Scientific Institute**
**Wilno, ul. Wiwulskiego 18**